משה קולבאַק

משיח בן - אפרים

Expressionist Prose Poem

MOYSHE KULBAK

# The Messiah of the House of Ephraim

## 1. *Opening*

All those who have set their souls on the word YAHWE, the Lamed-vovniks, the thirty-six secret saints, go about at the edge of the world, alone and isolated.

In the darkness, they suddenly come to a halt, they sense each other from afar, but no one sees anyone else. They walk about at midnight, at the edge of the earth, tall Jews with long staffs, hunched over against the blueness of the sky.

And on the Day of Doom, they come with their disheveled beards, in their fur coats and boots, clutching their birch staffs. And they ask nothing. They come and sit at the foot of the Throne of Glory.

They put one sleeve in the other and warm themselves in the holiness of the Almighty.

And they smoke their pipes.

The Almighty sits on the Throne of Glory and smiles. He likes his simple saints.

## 2. *The Miller*

Once there was a miller in the land of White Russia. = Job

His wife died and his son was taken off into the army.

The mill was overgrown with mosses and weeds.

The roof crept down like a fur over the mill until it touched the ground.

The countryside was deserted.

Only magpies were flying around, just poor magpies.

The miller didn't know what to do.

He went into his stable and saw that of all his livestock only his cow was left.

He felt so lonely and miserable that he sat down on the threshold of his house and wept bitter tears.

His name was Benye.

## 3. *What Happens When a Man Lives Alone*

I once read in an ancient volume that a man should be careful not to remain alone. At first he thinks it doesn't matter. But then his mind turns to dismal thoughts. His voice changes and he walks about in a daze.

If Benye had known, he might not have stayed all by himself in the mill, he might have moved to a nearby town or else married again.

Life in the country is too hard for an elderly person.

Every day, Benye would cook his bit of food alone, milk the cow alone, and then stroll around the mill with his hands behind his back, or else recite the psalms, as lonely people tend to do.

One day, he came to wash at the well, and in the water he saw that his lower lip was hanging down.

Never before had Benye's lower lip hung down.

He realized then and there that it came from living alone. He went back into the house, took down the mirror from the wall, and lo and behold, his lip was really hanging down. Furthermore, his eyebrows were growing denser, and all in all, he was hairy, shabby, and shaggy, like a polecat. Benye clutched his lip, and it was as dry as clay.

And even though the evening was warm, he climbed up on the oven, snuggled under the old clothes, and fell asleep.

## פתיחה

די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעאָפּסן מיטן דעם וואָרט יהוה, די ל״ו, גייען צווים אָפּגעזונדערטע און עלנטע ביים ברעג פון דער וועלט.

אין דער פינסטער בלייבן זיי אַמאָל פּלוצים שטיין, זיי דערשפּירן זיך אין דער ווייטעניש, נאָר קיינער זעט קיינעם ניט. אין האַלבער נאַכט, ביים ברעג פון דער ערד, גייען זיי, גרויסע ייִדן מיט הויכע שטעקנס, איינגעבויגענע, אויף דער בלוּקייט פון הימל.

און ביים יום-הדין, דעמאָלט קומען זיי מיט די צע־פּאַטלטע בערד, באַפּעלצטע, אין שטיוואַלעס, מיט די בעראָזענע שטעקנס אין די הענט. און זיי פרעגן נישט: זיי קומען און זעצן זיך צופוסן פון דעם כּסא הכּבוד.

זיי לייגן אַריין אַן אַרבל אין אַן אַרבל און וואַרעמען זיך אין דער הייליקייט פון דעם אַלמעכטיקן.

און זיי פאַררויכערן די לולקעס.

דער אַלמעכטיקער זיצט אויף דער כּסא-הכּבוד און שמייכלט. עס געפעלן אים זיינע פּשוטע צדיקים.

## דער מילנער

עס איז געווען אַ מאָל אַ מילנער אין לאַנד רייסן.

די ווייב זיינע איז געשטאָרבן, און דעם זון האָט מען אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן.

די מיל איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט מאָכן און מיט קריטעכצער.

דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ווי אַ פעלץ איבער דער מיל ביז דער סאַמער ערד.

די געגנט האָט געוויסטעוועט.

נאָר סאָראָקעס זיינען אַרומגעפלויגן, בלויז די בידנע סאָראָקעס.

דער מילנער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל אָנ־הייבן צו טאָן.

ער איז אַריין אין שטאַל און האָט איבערגעזען, אַז נאָר זיין בהמהלע איז אים איבערגעבליבן פון דעם גאַנצן פאַרמעגן זיינעם.

דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט פון גרויס עלנט־קייט אויפן שוועל פון זיין שטוב און ער האָט זיך ביטער־לעך צעוויינט.

מען האָט אים גערופן ר׳ בעניע.

## וואָס ווערט, בעת אַ מענטש בלייבט אַליין

איך האָב געזען אין אַן אַלטן ספר, אַז אַ מענטש דאַרף זיך היטן בלייבן אַליין. לכתחילה מיינט ער, ס׳איז גאָרנישט, דערנאָך לאָזט זיך אויס, אַז ער קריגט שלעכטע געדאַנקען, עס בייט זיך אָבער ביי אים דער קול און ער גייט אַרום, ווי אין אַ הינערפּלעט.

ר׳ בעניע וואָלט עס געוואוסט, קאָן זיין, ער וואָלט ניט געבליבן אַליין אין מיל, ער וואָלט זיך איבערגעקליבן אין אַ דערביייִקן שטעטל, אָדער אפשר נאָך חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל.

בכלל איז דאָס לעבן אויף אַ ישוב פאַר אַן עלטערן מענטשן צו שווער.

ר׳ בעניע האָט יעדן טאָג אַליין אָפּגעקאָכט פאַר זיך דאָס ביסל עסן, אַליין אויסגעמאָלקן דאָס בהמהלע, נאָכדעם פלעגט ער אַזוי אַרומשפּאַצירן אַרום מיל, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אָדער ער האָט געזאָגט תהילים, וואָס דאָס איז די טבע פון די עלנטן מענטשן.

און איינמאָל איז ער זיך אַזוי געגאַנגען אַרומוואַשן ביי דער קרעניצע, האָט ער דערזען אין וואַסער, אַז ביי אים הענגט אַראָפּ די אונטערשטע ליפּ.

ביי ר׳ בעניען איז קיינמאָל פריער ניט אַראָפּגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ.

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטאַמט, ווייל מען איז אַ מענטש אַליין. ער איז אַריין אין שטוב, אַראָפּגענומען דאָס שפּי־געלע פון דער וואַנט, און עס לאָזט זיך טאַקע אויס, עס הענגט ביי אים אַראָפּ אַ ליפּ. דערצו זיינען ביי אים געדיכטער צוגע־וואַקסן די ברעמען, און אינגאַנצן איז ער אַ האָריקער, פאַרוואַקסן און אָפּגעלאָזן ווי אַ טכויר. ר׳ בעניע האָט אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט דעם לעפּן זיינעם, איז ער געווען צוגעטריקנט, ווי אַ שטיקל ליים.

און הגם עס איז געווען אַ וואַרעמער פאַרנאַכט אינדרויסן, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון, איינגעטוליעט זיך אונטער די אַלטע בגדים און איז איינגעשלאָפן.

און ער האָט ניט געוואוסט, צי ער איז אפשר אַ מענטש, אָדער אַ שטיין, וואָס ליגט אויפֿן וועג. און לישאַיעס וואַקסן אויף אים.

און אַמאָל פֿאַרנאַכט איז ער אַזוי געזעסן אַ פֿאַרחלשטער בײַם קנאָפּל פֿון באַרג. די אַראָפּגעהאַנגענע פֿיס זײַנע האָבן זיך געבאָמבלט אין דעם ליים, און ער, ר' בעניע, האָט געקוקט, גאָרנישט געטראַכט, שטיל געזעסן און געקוקט.

פֿאַרוואָס עס האָט אים אינעווייניק עפּעס געצויגן אַליין צו זען, האָט ער ניט געוואוסט, אָבער ער האָט דערפֿון גרויס הנאה געהאַט. ביסלעכווײַז איז ר' בעניע געוואָרן אַנששטיינט. די אויגן זײַנען קילעכדיק געוואָרן, גרוים און איינגעלאָשן. ער האָט אויך אַ ווײַלע פֿאַרגעסן צו לעבן.

עס איז געלעגן פֿאַר אים די וועלט, אַ ברייטע און אַ קאַלטע, און גאָט איז אין איר געזעסן.

ס'האָט אין איר געקלונגען ווי אין אַ בלײַערן הייל פֿון אײַז, און אין אָט-אָ דער הייל איז ער אַליין אַרומגעקראָכן, ווי אַ בער אַ פֿאַרשלומפּערטער.

ער האָט זיך אַזוי געשטעלט מיט די פֿאַרעסטע לאַפּעס אויף די קאַלטע גלעטבעט און געקוקט, געקוקט. דאָס האָט ער געזוכט אים, גאָט, וואָס האָט זיך פֿון אים איבערבאַהאַלטן.

בלוי האָט אָפּגעלויכטן דער פֿינקלדיקער אײַז אין הייל.

און אָט...

אָט האָט ער אים, גאָט, געזען. נאָר ער איז פֿון אים מיטאַמאָל שוין ווידער נעלם געוואָרן.

אָבער ער האָט דאָך גאָט געזען!

און אַ גרויסע פֿרייד האָט אַדורכגענומען זײַנע גלידער, אַ דינע, אַ ליכטיקע פֿרייד. ער האָט אַ שמייכל געטאָן: עס איז אים אַראָפּגעפֿאַלן אַ יאָך פֿון האַרצן.

ר' בעניע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, גליקלעך פֿון דער פֿריילעכקייט און פֿון דער ליכטיקייט, און פּלוצלינג האָט זיך בײַ אים אויסגעריסן אַ געשריי פֿון האַרצן, אַ טיפֿער טוק אַזוי, ווי די בהמה זײַנע שרײַט. ער האָט זיך אַזוי געשטעלט מיט די הענט אין די זײַטן, און די זון, וואָס איז פֿאַרגאַנגען, האָט אים רויט אָפּגעגאָסן.

ר' בעניע דער מילנער איז געהייליקט געוואָרן.

עס זײַנען געשטאַנען אין מערב-זײַט, אונטער דער שקיעה, אָפּגעשונדענע רויטע אָקסן, ווי בײַם ברית בין הבתרים.

אַצונד האָט ער מיט געזען די וועלט מיט דעם מאַרך פֿון זײַנע ביינער, מיט דער ברענענדיקער הויט פֿון זײַן גוף; ער האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אויף די מלבושים, וואָס ער האָט געטראָגן: איינציקע טיכער זײַנען געהאַנגען אויף אים, איינציקע טיכער.

ר' בעניע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון באַרג. די אַלטע מיל איז פֿאַרוואַקסענער און עלטער געוואָרן, און פֿון אַ וואַנט איז אַרויס געוואַקסן אַ גאַנצער יונגער בוים.

ער איז צו צו דער טיר און געוואָלט שוין אַרײַנגיין, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט: עס האָט זיך דערהערט אַ קול פֿול מיט טרערן און מיט פֿרייד.

## לוי פּאַטאַשניק

אין אַ פֿאַרכמאַרעטן פֿאַרנאַכט איז לוי פּאַטאַשניק געשטאַנען פֿאַר דעם אָפֿענעם אײַזערנעם שראַנק, ווי פֿאַר אַ געעפֿנטן אָרון-קודש. דאָס אָפּגעלאָשענע ליכט פֿון טאָג האָט זיך אויסגעלייגט אויף די באַשאָטנטע טאַפּעטן, געשימערט און באַבלישקעט העלע שטיקער פֿון די טונקעלע דילן. אַ בערגעלע הייסע אימפּעריאַלן האָט געבלאַנקט אין שראַנק אינעווייניק, געבלוטיקט און געצויגן פֿאַרן האַרצן. ר' לוי האָט אָן אָטעם אַרײַנגעשטעקט בײַדע הענט אינם געלט.

ער האָט פּאַמעלעך, דורכגעזייט דאָס גאָלד אין האַנט, אַזוי ווי אַ ווײַסער זאַמד וואָלט זיך געשאָטן צווישן די פֿינגער, און ער האָט זיך שאַרף צוגעהערט צום קלאַנג, צום באַזונדערן קלאַנג פֿון גאָלד.

די פּוכלע האַנט זײַנע איז ראָז געוואָרן פֿונעם אונטערגייענדיקן טאָג, די האָט ווייך געגלעט די מטבעות, צאַרט זיך צוגערירט, אַזוי ווי אַ בחור רירט אָן די האָר פֿון אַ מיידל.

אַ באַהאַלטענער טיפֿער ניגון האָט אַרויסגעזונגען פֿונעם שראַנק. גאָלד!

עס שלאָגן קוואַלן פֿון גאָלד אונטער דער ערד, און די אויגן פֿון מענטשן פֿינקלען גאָלד.

דאָרטן אויבן, איבער די גאָלדענע שטערנדלעך, זיצט גאָט אויף דעם קיניגלעכן שטול פֿון גאָלד.

לוי פּאַטאַשניק מאַכט זאַנפֿט צו די שווערע טיר פֿונעם שראַנק, כאַפּט זיך מיט דער האַנט פֿאַר דעם אייבערשטן ליסט, ניט אומ-





wearing. Single strips of cloth were hanging on him, single strips of cloth.

Benye came down the hill. The old mill had become shaggier and older, and a sapling was growing from one wall.

He came to the door and was about to go in, but all at once he stopped. He could hear a voice full of tears and joy.

## 9, *Levi Patashnik* His mystical vision

One gloomy evening, Levi Patashnik was standing at his open iron cabinet as though at an open Holy Ark, where the Torah scrolls are kept in the synagogue. The fading light of day was spread over the shadowy wallpaper, shimmering, and spotting bright areas on the dark floors. Inside the cabinet, a heap of hot coins, imperials, was glowing, bleeding, stabbing his heart. Breathlessly Levi thrust both hands into the coins.

He slowly sifted the gold in his hands as though letting a white sand pour through his fingers, and he listened keenly to the clatter, the true clatter of gold.

His pudgy hand was rosy from the waning daylight, it softly caressed the coins, grazed them tenderly, the way a boy touches a girl's hair.

A deep, secret crooning emerged from the cabinet. Gold!

Wellsprings of gold are throbbing in the earth, and the eyes of man sparkle golden.

High up, above the golden stars, God sits on His royal throne of gold.

Levi Patashnik gently closed the heavy door of the cabinet, clutched the upper molding so as not to fall, and his heavy head dropped upon his chest.

The huge evening settled hauntingly in the room.

Levi stood there with his hot head lowered, leaning against the cold iron of the cabinet. His knees were buckling with fatigue, his eyes were shut, and deep in his breast, a thick drop was oozing out, heavy and glowing. It fell down his inner darkness and scorched his bowels with a sharp pain

At the door, the elde... guest was standing in the shadows.

5

[illegible]שפּאַלן, און דער שווערער קאָפּ זײַנער פֿאַלט אים אַראָפּ אױ [illegible]

[illegible] ס'האָט זיך נאָענדיק אױסגעבעט דער גרױסער פֿאַרנאַכט [illegible] צימער.

ר' לוי שטײט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם הײסן קאָפּ, אָבער [illegible] שפּאַרט אָן דעם קאַלטן אײַזן פֿון שראַנק, די קני בײגן זיך [illegible] מינקים, די אױגן פֿאַרמאַכן זיך, און טיף אין דער ברוסט טריפֿט [illegible] אַ גראָבער טראָפּן, װאָס איז שװער און אָנגעגליט. ער פֿאַל[illegible] אַראָפּ אין דער פֿינצטער אינעװײניק, און מיט אַ בריי די אינגעװײ[illegible] מיט אַ שאַרפֿן װײטאָג, אַ שאַרפֿן הײטאָג.

בײַ דער טיר איז אין שאָטן דער עלטערער אורח גנ[illegible]

## ר' שמחה פּלאַכטע

ניט װײַט פֿון מיל, אַ פּאָר װיאָרסט, האָט געװױנט אין װאַלד אַ ייִד: ר' שמחה פּלאַכטע.

דער ייִד האָט געהאַט אַ שװערע פּרנסה. דעריבער האָט ער זיך מיישב געװען: עס קומט מיר אױס סײַ־װי־סײַ שװער צו לעבן, װעל איך שױן בעסער לעבן אין אַ װאַלד.

ער האָט זיך אױסגעבױט אַ שטיבל פֿון צװײַגן און פֿון קרײַטעכצער און אױסגעשמירט אינעװײניק און פֿונדרױסן מיט לײם.

ר' שמחה פּלאַכטע איז געװען אַ פֿריילעכער ייִד. ער האָט געגעסן כּלערלײיקע גרינסן, געטרונקען װאַסער און גערײכערט אַ מין גראָז, װאָס ער אַלײן האָט צוגעגרײט.

ר' שמחה האָט געהאָדעװעט הינער און טײַבן. די הינער האָט ער געהאָדעװעט, װײַל זײ לײגן אײער, װאָס זײַנען גוט צום עסן, און טײַבן, װײַל זײ לײגן אײער, װאָס זײַנען ניט גוט צום עסן.

ר' שמחה האָט זיך מיט קײנעם ניט געטראָפֿן, עס איז אָבער אױך פֿריילעך געװען.

דער ייִד האָט שטענדיק געשמײכלט, גערײכערט די ליולקע, פֿאַרדרימלט די אױגן און געשמײכלט: צו װעמען, װײס מען ניט. ער פֿלעגט רײדן הױך אױפֿן קול, כאָטש שטענדיק איז ער געװען אַלײן.

װינטערצײַט, בײַ זיך אין דער כאַלופּע, איז ער געזעסן און דערצײלט זיך גלײַכװערטלעך, זומער פֿלעגט ער איפּזוכן אין האַלד פֿרישע לאָנקעס און דאָרטן פֿלעגט ער טאַנצן פֿאַרשײדענע טענץ.

ער איז געװען אַ גרױסער טענצער!

און פֿרילינגצײַט איז ער שױן דורכאױס געװען בגילופֿין: אַ ייִד אַ בן־שישים, אָבער פֿרילינגצײַט פֿלעגט ער קלעטערן אױף די בײמער מיט דער גבֿורה פֿון אַ שנעק.

ער האָט זיך אױפֿגעפֿירט װי נאָר ניט קײן בר־דעת.

ר' שמחה האָט ליב געהאַט צו עסן די קנעפּ, די בלעטליכקע נאָפּסן פֿון די בײמער, קלעטערן צװישן די געדיכטע צװײַגן און זינגען װי אַ קאַנאַריק.

אַזױ האָט ער דאָרטן געלעבט אין װאַלד.

יאָ, ר' שמחה האָט אױסגעזען װי אַ גױ, אױפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שטרױענע הוט און אױף די פֿיס לאַפּטשעס פֿון בעראָזענער קאָרע, נאָר אַ באָרד האָט ער געהאַט, אַ ברײטע באָרד, אַ גרױע און אַ קלאָרע.

ער האָט געהאַט אַ שײנע באָרד!

ר' שמחה איז געװען בילטערהײט אַ װאַסערטרעגער, דערנאָך איז ער אױף דער עלטער געװאָרן אַ חסידישער רבי, כידוע, האָט געפֿירט אַ פֿרומען טיש און אַ ברײטן שבת, װײַטער אַ ברײטן, אָבער עס איז אים געװען צו שװער דאָס לעבן צװישן מענטשן, איז ער אַנטלאָפֿן און האָט זיך באַזעצט אין אָט דעם װאַלד.

אַלײן אין אַ װאַלד. //

און בעת דער װינט מיט אַ גײ איבער די קרוינען און ברעכט די צװײַגן, װאָס טוט דעמאָלט שמחה פּלאַכטע?

ער זיצט אין דער געדיכטעניש אױף אַן אױסגעריסענעם בױם מיט דער ליולקע אין מױל און האָרכט:

עס פֿאַלן די נעסטן פֿון די בײמער.

די פֿעגל לאָזן זיך אַראָפּ מאַמעדיק צו דער ערד, נאָר עס ליגן שױן טױטע די פֿייגעלעך.

װאָס עס טוט זיך, נאָר אַ רוח, אַ פֿלײגעלע אָן פֿעדערן.

װײ, װײ!

עס זיצט דעמאָלט ר' שמחה אין דער געדיכטעניש און האָרכט, אײַנגעהױבן און שטענדיק זײַנען בײַ אים די האָר אױפֿן לײַב. די צײַנער זײַנען בלאַנקען אין דער געדיכטעניש און די אױגן ברענען פֿונעם שטורעם.



Not far from the mill, just a few miles away, there was a Jew living in the forest. His name was Simkhe Plakhte.

Simkhe's work had been very hard. He thought to himself: It's hard enough living as it is, so I'll simply live in the woods.

He built himself a shack of branches and weeds and plastered it with clay inside and out.

Now Simkhe Plakhte was a cheerful man, he ate all sorts of vegetables, drank water, and smoked an herb that he himself prepared.

Simkhe raised chickens and doves. The chickens because they lay eggs that are good to eat, and doves because they lay eggs that are not good to eat.

He never met anyone, and was cheerful just the same.

He was always smiling: smoking his pipe, drowsing with half-closed eyes, and smiling—who knows at whom. He would talk aloud though he was always alone.

In wintertime, he would sit in his hut and crack jokes to himself. In the summer, he would look for fresh meadows in the forest and dance all kinds of dances.

He was a great dancer!

In the springtime, he was completely intoxicated. Even though he was sixty years old, he would scramble up a tree with the strength of a boy.

He didn't act rational at all.

Simkhe liked to eat the blossoms and the buds in the trees, climb through the dense branches, and sing like a canary.

That was how he lived in the woods.

Yes, Simkhe looked like a Christian peasant, he wore a straw hat on his head and, on his feet, shoes of birch bark; but he did have a beard, an enormous Jewish beard, that was bright gray.

His beard was beautiful!

As a boy husband, Simkhe had been a water-carrier. Later on, in his old age, he became a Hassidic rabbi, as everyone knows, kept a pious table and lived grandly, very grandly. But living among people was too difficult for him, so he ran away and settled in the woods as a hermit. (not in Yiddish)

– שנאָרער! איר האָט אַמאָל געהאַט אַ גראָשן אין קעשענע?! מלאכים־מעלקער!

שלעפּער!

זשאַבעס!

גאָלד איז זינד?! – אַ נדבה ווילט איר?

און ער האָט אויף גיך צוגעהאַקט די טיר פֿונעם שראַנק.

– ניטאָ קיין נדבות בײַ מיר!

דער בייזער אורח, דער בן־ציפּע, האָט אויפֿגעהויבן די ברייטע לאַפּע. ער האָט זי געהאַלטן אַזוי אַראָפּלאָזן אויף דאָס קורצע, גראָבע ייִדל. דער עלטערער האָט אים שטרענג אָפּגעשטופּט און אַ זאָג געטאָן קאַלט צו ר' לוין:

– געדענק, לוי, גאָלד איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט!

און דער דריטער, אַ הויכער און אַ תּמעוואַטער, דאַר ווי אַ לעמעשקע, האָט געמאַכט מיט דער האַנט און געשטאַמלט:

– און יענעם האָט טאַקע ווי געטאָן!

ר' לוי האָט זיך צו אים אַ כאַפּ געטאָן:

– הכּל, וועמען האָט ווי געטאָן, וו הכּל מײַנער?

– אָט־דעם, אָט־דעם אונטער דער זײַט האָט ווי געטאָן!

ר' לוי האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן:

– וואָסער זײַט? אַ, יענע זײַט? פֿונוואַנען ווייסטו? ווי?

און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ, בלײַך געוואָרן און אויף גיך אַרויסגערוקט זיך אין דער צווייטער שטוב.

די אורחים זײַנען געבליבן שטיין בײַם שראַנק.

לאהלע איז אַרײַנגעלאָפֿן צו דעם טאַטן אַרײַן פֿון דער פֿינסטער. זי האָט צעטערנדיק אַרומגעכאַפּט מיט בײדע הענט זײַן האַלדז:

– פּאַפּאַ, וואָס איז, פּאַפּאַ!

און זי האָט זיך שטיל פֿונאַנדערגעוויינט.

ר' לוי האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ צעדרעטער, ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָ. פּאַמעלעך האָט ער אָפּגערוקט די טאָכטער פֿון זיך, זיך אָפּגערעכט און פֿאַרקוקט זיך אויף דער אָפֿענער טיר אין דער צווייטער שטוב אַרײַן.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט? לאהלע, ווייסט ניט?

ער האָט געלאַסן גענומען פֿאַרשפּילן די צעעפֿנטע קאַפּאָטע, פֿאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ און מיטאַמאָל איז ער געוואָרן העכער. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און געבליבן שטיין אַ ווײַלע רויִק אויפֿן אָרט, דערנאָך האָט ער אַ שפּאַן געטאָן מיט ברייטע טריט, איז אַרײַנגעגאַנגען צוריק אין דער צווייטער שטוב אַרײַן.

די אורחים זײַנען געשטאַנען בײַם שראַנק, קאַלט אים אָנגעקוקט, און געהאַרט, משמעות, ביז ער וועט צוריקקומען. ער האָט צו זיי רויִק און געלאַסן געזאָגט:

– עס האָט אים ווי געטאָן, רבותי, ווײַל עס האָט אים געדאַרפֿט ווי טאָן. גייט!

זיי האָבן אים גאָרנישט געענטפֿערט, ער האָט זיי געהייסן גיין, זײַנען זיי אים נאָכגעגאַנגען, אָבער עס האָט געקאָכט אין זיי דער כּעס. בײַ דער טיר האָט זיך ר' לוי אָפּגעשטעלט, דורכגעלאָזן די אורחים.

– גייט, האָט ער געזאָגט, גייט דאָרטן איבער, אין, לוי פּאַפּאַשניק, זאָג: ניע זשעלאַיעם!

איר הערט, ניע זשעלאַיעם!

און ער האָט צוגעהאַקט די טיר. אַ פּאָר מאָל האָט ער אַ שפּאַציר געטאָן איבער דער שטוב, פֿאַרטראַכט זיך, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צוריק אינעם פֿאָטערשטול, ווי ס'האָט גאָרנישט געווען געשען.

און זיצנדיק אַזוי מיטן פּנים צום פֿענצטער, האָט ער אַ רוף געטאָן לאהלען, וואָס איז געשטאַנען ערגעץ הינטער אים. ער האָט זי אַוועקגעזעצט, די דערוואַקסענע טאָכטער, בײַ זיך אויפֿן שויס:

– האָסט געשפּילט אויף דער פּיאַנע

– געשפּילט.

– געגאַנגען אין גאָרטן שפּאַצירן?

– געגאַנגען.

– און אַ נײַ קלייד, נאַרעלע, ווילסטו?

אָבער לאהלע האָט, אַ צעטראָגענע, אים געענטפֿערט עפּעס גאָר ניט צו דער זאַך:

– פּאַפּאַ, זייער משיח איז אַ בעסערער!

און זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר די אייגענע רייד. ר' לוי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פּחד אין די אויגן, זי האָט זיך פֿון אים אָפּגערוקט און אײַליק אַרײַנגעלאָפֿן אין דער צווייטער שטוב אַרײַן.

"Yes."

"And do you want a new dress, darling?"

But Leah, greatly distracted, didn't answer. She said:

"Papa, their Messiah is better!"

And she was frightened by her own words. Levi stared at her with terror in his eyes. She moved away and hurried into the next room.

זיי האָבן אויך ווײַטער געלעגערט אין טיפֿן שלאָף זיך צוגעהערט, פֿאַרנומען יעדן וואָרט ווינקעס און מיט די דערשראָקענע קערפּערס אָפּגעענטפֿערט:

מיר פֿאַרשטייען, גימפּעלע, מיר פֿאַרשטייען... דיך... [illegible] ן די לבנה... און דעם פֿעלד...

ר׳ בעניע האָט געוויינט, דער געוויין האָט זיך צונויפֿגעמישט מיט דער לבנה־שײַן, וואָס גימפּעלע אין [illegible] פֿלאַכטע האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט.

און די פֿאַרחלומטקייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון הינטער דער לבנה, האָט צונויפֿגעשפּינען ווײַטע שאָטנדיקע מענטשן און זיי האָבן געלעבט אַלע מיט איין באַהאַלטענעם לעבן.

## דאס בהמהלע

דאָס קיעלע איז אַרויס פֿון שטאַל און איז אַוועקגעגאַנגען.

די עלנטקייט פֿון דער בהמה האָט זי אַרומגענומען, איז זי אַוועק בלאָנדזשען איבער דער וועלט, אָפּריכטן גלות.

איז זי געגאַנגען פֿון איין געגנט אין דער אַנדערער, און אומעטום האָט זי געזען, אַז דאָס לעבן איז וויסט און ליער.

בײַטאָג האָט זי זיך געלייגט שלאָפֿן אין שאָטן פֿון אַ ווערבע, אָדער אין אַ בעריאָזאָווע וועלדל, און בײַנאַכט ערגעץ אין אַ גראָבן, וואָס בײַם זײַט פֿונם וועג.

נאָר דאָס קיעלע האָט דאָס רוב בײַנאַכט אַרומגעבלאָנדזשעט.

ר׳ בעניע האָט זיך אַמאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און אין דער פֿינסטער איז ער צוגעקראָכן צום פֿענצטער, האָט ער דערזען: העט ווײַט בײַם ברעג פֿון דער ערד, צוגעשפּאַרט צום הימל, איז געגאַנגען דאָס בהמהלע.

אַליין, אַליין, דעם קאָפּ אַרויפֿגעהויבן, די אויערן אויסגעצויגן און דאָס עקעלע אײַנגעדריקט צווישן די פֿיס.

אַזוי איז זי געגאַנגען, דאָס קיעלע, די צדקניות, וואָס האָט זיך צוגעהערט צום יאָמער פֿון דער וועלט.

און אַמאָל אין אַ לבנה־נאַכט האָט זי מיטאַמאָל אויפֿגעציטערט. עס האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט די לעפֿלעך פֿון אירע אויגן, און זי האָט דערזען אין אַ ווײַטן לאַנד בײַם ברעג פֿון אַ טײַך, זיבן דאַרע קי, אירע אמהות!

זיי זײַנען געשטאַנען באַלויכטן פֿון דער לבנה, אָנגעבלאָזענע און אָפּגעשטאַרטע, און דער כּוח פֿון דער ערד האָט געיאָגט דורך זייערע ביינער מיט אַ הייסער שטורעמדיקער פֿינצטער־...

זייערע גרויסע ביינער האָבן אַרויסגעשטאַרצט, ווי העלצער, און די פֿאַרגליווערטע בהמישע אויגן האָבן אַרומגענומען די גאַנצע וועלט, מחמת אויך די בהמות בענקען נאָך דער שווײַגנדיקער ערד, זיי זײַנען מקנא די בערג, וואָס שטייען רויק, און אויך זיי, די בהמות, פֿאַרשילטן דעם טאָג פֿון זייער געבוירן.

דאָס קיעלע האָט צונויפֿגעבראָכן אירע פֿיס און אינמיטן דער נאַכט האָט זי זיך אַוועקגעלייגט רעווען און קלאָגן, פֿאַר וואָס מען האָט זי באַשאַפֿן...

## *The Cow*

The cow came out of the stable and trotted off.

The cow was so overcome with loneliness that she started out to wander through the world, into her diaspora.

She wandered from one place to the next, and wherever she came she saw that life was a *tohubohu*, waste and wild.

In the daytime, she would sleep in the shade of a willow tree or in a birch grove, and at night in a ditch by the side of the road.

But the cow spent most of her nights wandering about.

Benye once awoke from his sleep, and in the darkness he crept over to the window and saw, far, far away, at the edge of the earth, looming against the sky, the cow, trotting along.

All alone, holding her head up, her ears taut, and her tail tucked between her legs.

She wandered along, a pious cow, a *tsaddik*, listening to the sorrows of the world.

And then, one moonlit night, she suddenly trembled, her eyelids opened, and in a far land, on a riverbank, she saw seven lean cows, her ancestral mothers!

They were lit up by the moon, haughty and helpless, and the strength of the earth was coursing through their bones with a hot, stormy darkness.

Their big bones stuck out like chunks of wood, and their rigid bovine eyes took in the entire world, for even cows yearn for the silent earth, they envy the mountains that stand quietly, and even cows curse the day they were born.

The cow's legs collapsed beneath her, and in the middle of the night she lay down, bellowing and lamenting that she had ever been created . . . .

לילית, די גרינע לילית, די ווײַב פֿון סמאל, האָט אים אָנגעבראַכט!

אדם הראשונס ערשטע ווײַב.

ר' בעניע שלעפּט זיך אַרום איבער דער שטוב, קריכט אַרויף אויפֿן אויוון און קריכט אַראָפּ צוריק פֿונעם אויוון; ער זעצט זיך אַוועק אַ נאַקעטער, ווי ער איז, אויף דער ערד, זיצט, זיצט, דער־נאָך הייבט ער זיך אויף מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, קריכט צו צום עמער וואַסער און שטעקט אַרײַן אין אים די הענט און שלעפּט זיך ווײַטער אַזוי...

ער גייט צו צו דער טיר און עפֿנט זי; די קאַלטע לופֿט האָט אים אָפּגעפֿרישט. עפֿנט ער די טיר פֿונעם פּרוזדור און קומט אַרײַן אין גאַניק: אַ קאַלטע בלויקייט, אַ ווילבערלעכע, האָט אַרומגענומען דעם פּנים און דעם נאַקעטן קערפּער זײַנעם.

אָבער ער האָט תּהילת ניט באַמערקט, אַז אויפֿן גאַניק שטייט אַ ייד מיט אַ טאָרבע און מיט אַ שטעקן אין האַנט — דאָס איז איינער פֿון די דרײַ אורחים, וואָס זײַנען אַמאָל בײַ ר' בעניען געווען — און דער אורח רירט אים אָן פֿאַר דער האַנט:

— בעניע, דו ביסט ניט בײַגעשטאַנען!

בלײַבט ר' בעניע קאַלט, עס אַרט אים ניט, נאָר מיטאַמאָל טוט ער זיך אַ קער צום אורח, און זײַנע אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט בלוט:

— גזלנים! פֿינסטערע יאָרן אויף אײַך!

און ער יאָמערט זיך פֿונאַנדער.

— וואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט?! אַכזרים!

און ער רײַסט זיך אַרײַן אין שטוב, כאַפּט אַ שייט האָלץ און לויפֿט אַרויס צוריק אויפֿן גאַניק, אָבער דער אורח איז שוין דאָרט ניט געווען.

ר' בעניע איז אַהינגעפֿאַלן נאָך אין מיטן וועג.

## לאהלע

די באָבעשי איז געזעסן בײַם פֿענצטער, און דאָס מיידל אַנט־קעגן איר, אַ בלייכע, מיט אַ בוך אויפֿן שויס. זי האָט איר שטי־לערהייט, צובייגנדיק זיך צו דעם אַלטן אויער, אויסגעפֿרעגט:

— איז ער עפּעס אַ שיינער?

— אַ בריליאַנט, לאהלע, דאָס איז איינער אין אַ מדינה.

— און וואו איז ער, באָבעשי?

— ער לעבט אַליין אין זײַן האַרבערגע, אָפּגעשלאָגן אין דער ווײַטעניש, וואו די מענטשן זײַנען שוין ניטאָ.

— אַליין, גאָר אַליין?

— יאָ, ער גייט דאָרטן אַרום אַליין אין די באַוואָרטע וועלדער.

די פֿאַרנאַכטיקע בלויע פֿײַערן האָבן קיל אַרומגעצויגן די גאַנצע וועלט, געגליווערט, דין אַזוי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, וואָר איז חלום.

און לאהלע, ר' ליבס טאָכטער, האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך משיחן. דאָס לאַנגע בלייכע געזיכט, וואָס די אורחים האָבן פֿון אים גע־רעדט, איז אַרומגעשוועבט ווי אַ שײַן אין דער ברייטער שטוב.

זי האָט אים געשפּירט אינעם שאָרך פֿון די ליידיקע צימערן.

די גרויסע שפּיגלען, וואָס האָבן פֿאַרנומען די ווענט, האָט זי אויסגעמיטן, עס האָט געשראָקן די טונקעלע אָפּשפּיגלונג פֿון די חפֿצים אין שטוב...

— טאָמער רוט ערגעץ ער מיט אָט־אָ דעם פֿאַרבאָרגענעם געזיכט.

ר' לוי בלײַבט ליגנער אינם טיפֿן צימער, ווערט וואָס אַ טאָג פֿינצטערער, שווײַגט תּמיד, בלײַבט שטיין, ניט וויסנדיק צו־ליב וואָס.

לאהלע מײַדט אים אויס. בײַם באַגעגענען זיך, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן. לאהלע וויל אים עפּעס זאָגן, נאָר די געפֿינט גאָר קיין ווערטער ניט. זי וויל זאָגן דעם פֿאָטער אירן, ר' לוי פּאַטאַשניקן:

— פֿאָטער, איך מוז גיין צו אים...

און ער, דער פֿאָטער, וועט איר דערמאָלט ענטפֿערן:

— נאַרעלע, בײַ לײַטן טעכטערלעך, זײַנען ניט פֿרום, מיידלעך דאַרפֿן גאָרניט זײַן פֿרום.

זי וועט אים אָבער זאָגן:

— ניין, פּאַפּאַ, זאָך בין גאָרניט פֿרום...

דעמאָלט וועט ער אויפֿשפּרינגען און אָנהייבן שרײַען:

— איז וואָס־זשע ווילסטו?

— איך וויל גיין צו אים, איך מוז גיין צו אים.

— אָבער ער איז דאָך ניטאָ, נאַרעלע!

— איך ווייס, אַז ער איז דאָ, ער מוז זײַן.



And Leah, Levi's daughter, longed for the Messiah. The long pale face that the guests had spoken about floated like a radiance through the vast house.

She felt it in the rustle of the empty rooms.

She avoided the large mirrors on the walls, she was frightened of the dim reflections of the furnishings.

"Maybe he's resting somewhere with that hidden face of his."

Levi remained in the dim room, more somber every day. He kept silent, stopped in his tracks, not knowning why.

Leah would avoid him, and if they met she would lower her eyes. She wanted to tell him something, but she couldn't find the words. She wanted to tell her father, Levi Patashnik:

"Father, I have to go to him . . . ."

And her father would reply:

"Silly! Respectable girls aren't pious, girls shouldn't be pious at all."

But she would retort:

"No, Papa, I'm not pious at all."

He would then leap up and shout:

"Well, then what do you want?"

"I want to go to him. I have to go to him."

"But he doesn't exist, silly!"

"I know he *does* exist, he *has* to."

And her father came closer and stroked her hair:

"But Leah, I'm old. What will I do all by myself?"

She didn't answer, she had nothing to say.

"Don't go away, Leah darling, don't go . . ."

But at lunch they would sit like mutes, never uttering a word. Levi would mumble something in his beard; he was afraid to express what he was thinking. He threw the dishes . . . . Got up in the middle of the meal and angrily hurried to his room.

At the table, they could sense someone, a third person, who drove them apart.

And haunting days and nights wore by, without rest or sleep.

It was past midnight. Leah was wandering through the rooms, dressed only in a nightshirt.

The place where the visitors had spoken his name, that was where He must be . . . .

The rooms were filled with a silent darkness. *He* couldn't be heard. The place where the visitors had stood was empty.

She slowly opened a door into the next room . . . . Half-naked, holding a candle, Levi was standing there, bending into the open cabinet . . . counting, counting . . . .

Leah quietly hurried to bed and began weeping, whispering incomprehensible words to Him . . . to Him . . . .

And one evening she put on her coat, took her umbrella. Silently she crept out of the house, never to come back again . . . . Outside it was raining . . . .

At the corner, a squire was standing, with a feather in his hat, a rifle over his shoulder, and a drenched hound on a leash.

און דערנאָך גייט צו דער פּאַטער צו איר נענטער, טוט איר אַ גלעט איבער די האָר:

— אָבער, לאהלע, איך בין דאָך שוין אַלט, וואָס וועל איך טאָן אַליין?

זי ענטפערט ניט, ווייל זי האָט ניט וואָס צו ענטפערן.

— גיי ניט, לאהשי, גיי ניט...

אָבער צו מיטאָג, ווען די שטום, ריידן ניט אַהים אַ וואָרט. די לוי ברומט עפּעס אונטערן נאָז; אַרויסגאַנגען, וואָס ער טראַכט, שרעקט ער זיך. ער וואַרפט די טעלער... שטייט אויף נאָך אונטער עסן און אַנטלויפט מיט כעס צו זיך אין צימער אַריין...

ביים טיש האָט זיך דאָך געשפּירט אינער, אַ דריטער, וואָס האָט זיי פונאַנדערגעשיידט.

און עס זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָגנדיקע טעג און נעכט אָן רו און אָן שלאָף.

עס איז נאָך האַלבע נאַכט. לאהלע גייט אַרום אין איין העמד איבער די צימערן.

אויף דעם אָרט, וואו די אורחים האָבן אַדורכגעריט זיין נאָמען, דאָרטן דאַרף ער זיך געפינען...

און די צימערן געהילטיקט שטיל די טונקלקייט. מען הערט אים ניט. עס איז ליידיק דער אָרט, וואו די אורחים זיינען געשטאַנען...

זי עפנט פּאַמעלעך אַ טיר אין צווייטן צימער אַריין... האַלב־נאַקעט, מיט אַ ליכטל אין האַנט, שטייט דאָרטן ר' לוי, אַריינגעבויגן אין דעם אָפענעם שראַנק... ציילט, ציילט...

לאהלע כאַפּט זיך אַריין שטילערהייט צו זיך אין בעט, וויינט, שעפּטשעט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער צו אים... צו אים...

אין אַמאָל אינאָוונט האָט זי אָנגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען דעם שירעם. שטילערהייט האָט זי זיך אַדורכגעגנבעט פון שטוב אויף ניט צוריק צו קומען... הויכן האָט גראָד געריגנט...

ביים עק פון דער גאַס איז געשטאַנען אין רעגן אַ פורל מיט אַ פערד אין הויז, אַ בייכט אויף די פּלייצעס, און ער האָט געהאַלטן אין איינגענעצן הינט אויף אַ שטריקל.

## אין וואלד

ר' שמחה און גימפּעלע זאַסקעוויצער זיינען געלעגן ביי דער כאַלופּע אין וואַלד, וואָס האָט געבלויט טיף אין דער געדיכטעניש.

די יאָדלעס האָבן אויסגעצויגן די שטאַרקע צווייגן, באַהאָנגענע מיט שפּינוועבס, און די פאַרנאַכטיקע רויטקייט האָט פון זיי אַראָפּגערינען.

די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין.

ס'האָבן זיך אַריינגעדרייט צווישן די ביימער טונקעלע יידן, אַ ביסל אָפּגעזאַפּטע פון דער רויטקייט און אָפּגעטונקטע אין שאָטן.

קיינמאָל האָט אין וואַלד אַ פוס ניט אַריינגעטראָטן: וואָס עפּעס מיטאַמאָל וויזן זיך יידן אין פעלצן, אין שוואַרצע היטלען, מיט שטעקנס אין די הענט, גייען איינציקווייז תמעוואַטע, פאַרטייעטע? באַגעגנט מען זיך, פאַרקריכט מען באַזונדער צווישן די ביימער.

— מסתמא מקובלים, זאָגט גימפּעלע.

— העי, אַדיס פון מיין וואַלד! — שרייט שמחה פּלאַכטע אין דער געדיכטעניש אַריין — אַדיס!

די יידן ווערן נעלם אויף אַ קורצער ווײַלע אין די קוסטעס.

— דאָס אַרבעט מען אַרום ר' בעניען, מען מאַכט פון אים געבעך איבערדרייען.

— ר' בעניע איז איינער, וואָס? פרעגט גימפּעלע.

— איינער.

— אַ לאַמעדוואָווניק?

— אַ לאַמעדוואָווניק.

— ווילן די, ווייסט עס, איבערקערן די וועלט, די לאַמעדוואָווניקעס?

*In the Forest*

Lamed-Vovniks

Simkhe Plakhte and Gimpel Zaskevitser were lying by the hut in the woods, which were blue deep into the thickets.

The fir trees were stretching out their strong branches, hung with cobwebs, and the redness of evening was dripping from them.

The sun was just going down.

Dark Jews were passing between the trees, they were soaked in the redness and dipped in the shadows.

No foot had ever trodden through the forest. What were these Jews in furs doing here, with their lambskin hats and their staffs, walking in single file, foolish, hidden? If they met anyone, they would slip behind the trees.

"Maybe they're Cabbalists," said Gimpel.

"Hey! Out of my woods!" yelled Simkhe into the thickets. "Out!"

The Jews vanished for a short spell into the bushes.

"They're giving him a hard time, they're making fun of Benye!"

"Is Benye one of them?" asked Gimpel.

"Yes."

"A Lamed-vovnik?"

"A Lamed-vovnik."

"Do the Lamed-vovniks want to turn the world upside-down?"

"Leave me alone, you monster!"

redemption/death

# אונטערוועגס

לאהלע איז געפאַלן מיט בענק, מיט פּנים, געגאַנגען צופוס און אומעטום האָט די באַגעגנט צעקאַרטשעטע ייִדן, וואָס האָבן גערעדט צו איר מיט באַרעמהאַרציקייט. די דינען געשטאַנען אויף די מוטער-וועגן, אָבער לאהלע האָט זיך ניט געניטיקט אין די וועגווייזער, די האָט געוואוסט אַליין דעם וועג פון אינעווייניק.

די הדבנע האַרבסטיקע רעגנס האָבן געשפּריצט פון צווישן די צעפליקטע נעפּלען און ס'האָט געקרעמשעט דער ליים פון אונטער די פיס.

אינמאָל איז אַ גרויסן שייד-וועג האָט די געטראָפן אַ האָרפּישן שניידערל, ויצנדיק צונויפגעטליעט אונטער אַן אַלטן צלם.

עס האָט זיך איבערגעבויגן דער הילצערנער צלם איבער אים, ווי אַ ווינעדיקע הושענא, אַ בלעכענער קראַנץ איז געווען אָנגעטשעפּעט צו די העלצער, און אינעווייניק איז צעשלאָגן מיט משוועקעס געהאַנגען ישו.

דער באַבאַרבענער נעטל איז געוואָרן אָפּגעבלאַקירט פון די רעגנס, ס'פּאַרטעכל אַרום זיינע היפטן האָט שוין צונעפּילט, און דער ווינט האָט עס אַרומגעשלעפּט און פּאַרטאַשערט.

לאהלע האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. ישו און ער, ביידע האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון הימל; ווער ווייס, אפשר וועט ער איך איבערגעאַנגען ווערן אויף די שיידוועגן צוליב די זינד פון מענטשן??!

דער ווינט האָט פונאַנדערגעבלאָזן די בריטע פּנים שוואַרצן שאַל, וואָס האָט שטייף אַרומגענומען איר ווייסן פּנים. די האָט געקוקט מיט ברייט פונאַנדערגעפּנטע אויגן אויף דעם אָפּגעבאַרעטן נעטל, אויף דער בלעכענער קרוין, וואָס איז געהאַנגען איבער אים.

— אָט דאָס איז גאָט??!

לאהלע האָט אויפגעציטערט, מיט טרערן אין די אויגן האָט די אויף דעם געקוקט און איינגעזאַפּט דעם עלנט פון געקרייצטן ישו.

ענטפערט איר פאַרחלשט דער שניידערל:

